# סצענע 14 א'
# Escena 14 A

## אידעען פֿאַר דער חתונה - נסיעה
## Ideas para la Luna de Miel

באָבע - רייזעלע, ביסט גערעכט! איינע פֿון די וויכטיקסטע זאַכן בײַ אַ חתונה, איז די חתונה-נסיעה ! לאָמיר עפּעס עסן און רעדן וועגן אײַער חתונה-נסיעה.

יאָסל - איך האָב זייער אַ גוטע אידעע !
איר קענט נעמען אַן עראָפּלאַן קיין אַמסטערדאַם אין האָלאַנד. דאָרטן קענט איר דינגען אַ ביציקלעט און באַזוכן אַ סך שיינע ערטער. און אויך דאָרטן, קען מען זען זייער שיינע ווײַבעלעך...

בערל - יאָסל... איך בין זיכער אַז אויף זײַן חתונה-נסיעה,וועט מאָטל האָבן אויגן נאָר פֿאַר זײַן ווײַב. איך מיין אַז עפּעס מער ראָמאַנטיש וואָלט געקענט זײַן בעסער.

זיידע - אין מײַנע צײַטן, פֿלעגן מיר נעמען אַ לאָדקע און שפּאַצירן אַ פּאָר טעג איבערן טײַך.

באָבע - און דאָס איז געווען באמת ראָמאַנטיש !

גאָלדע - הײַנט צו טאָג זײַנען לאָדקעס נישט אין דער מאָדע, אָבער אַ מיט אַ שיף וואָלט איר געקענט פֿאָרן אין האַוואַי, אָדער אין אַלאַסקאַ.

באָבע - חס וחלילה ! ניין, ניין, ניין. נישט קיין שיף. און וואָס אויב עס קומט אָן אַ "צונאַמי" ?

רייזל - איך מיין אַז...

גיטל - ניין, נישט קיין ים און נישט קיין שיף. מײַן מאָטלען געפֿעלט נישט דער ים ... ער קען אַפֿילו באַקומען די ים-קרענק.
ער האָט פֿײַנט דאָס ברעג ים מיטן זאַמד און מיט דער היץ...

ציווקע - ביסט גערעכט, מאַמע. מאָטל איז אַ ביסל ספּעציעל. ער

האָט נישט ליב, נישט דעם ים און נישט די היץ. פֿאַר אים איז בעסער צו נעמען אַ קאַר אָדער אַן אויטאָבוס און פֿאָרן אין קאַנאַדע. דאָרטן וועלן זיי זען הויכע בערג מיט שניי, גרינע שיינע וועלדער, אָזערעס...

מאָטל - וואָס הייסט ספּעציעל?

ציווקע - איך מיין אַז...

גאָלדע - אָבער פֿאָרן אַזוי לאַנג מיט אַ קאַר איז נישט ראָמאַנטיש. איך מיין אַז גריכנלאַנד מיט אירע אינדזלען איז זייער, זייער ראָמאַנטיש. דאָרטן קענען זיי פֿאָרן מיט אַ קליין שיפֿל.

בערל - זיי דאַרפֿן נישט פֿאָרן אַזוי ווייַט. אין צפֿון- מעקסיקע איז דאָ אַן אינטערעסאַנטע באַן.

יאָסל - אַאַאַ... אַן אינטערעסאַנטע און נישט צו טייַער.

רייזל - איך מיין אַז עס איז שוין צייַט מאָטל און איך זאָלן רעדן צווישן זיך וועגן אונדזער חתונה-נסיעה !!!

מאָטל - יאָ, רייזל, ביסט גערעכט. דאָס דאַרפֿן מיר באַשליסן צווישן אונדז.

גיטל - מיר האָבן נאָר געוואָלט אײַך אַרויסהעלפֿן...

יאָסל - גיטל, נעם זיך נישט צום האַרצן. רייזל און מאָטל זייַנען גערעכט. אידעען האָבן מיר זיי שוין געגעבן.

בערל - איצט, דאַרפֿן זיי אַליין באַשליסן...

באָבע - אויב אַזוי, קומט אַלע אין קיך אַרייַן. לאָמיר עסן געשמאַקע בלינצעס.

זעליג - די קינדער מוזן אַליין באַשליסן... לאָמיר עפּעס עסן.